קוּנְטְרֵס

# תּוֹךְ הַנַּחַל

## - אִין יוּדִישׁ -

**פָּארְכְטִיגֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע רֵייד אוּן גֶעדַאנְקֶען, וָואס טוּעֶן אוֹיפְוֶועקְן אוּן שְׁטַארְקְן, עֶס לֶעבְּט אוֹיף דֶעם גֵייסְט אוּן נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן לֶעבֶּעדִיקְן, וָואס פוּן דִי פְּלִיסִיגֶע טַייךְ פוּן חָכְמָה טוּעֶן דִי רֵייד קְוֶועלְן, אוּן פוּן דָארְט טוּעֶן זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע שָׁאף אָנְטְרִינְקֶען, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדְן מַצָּב וָואס מֶען טוּט זִיךְ גֶעפוּנֶען**

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי״ע

אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' חֵלֶק א' סִימָן ד'

וָואס זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א

**בַּיים הֵיילִיגְן טִישׁ פוּן לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים – תש״ס**

ψ ψ ψ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים תשע״ג

דוּרְךְ דִי תַּלְמִידֵי מְתִיבְתָּא 'הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ' חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

עִיר הַקֹּדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב״א

# אִינְהַאלְט פוּנֶעם מַאֲמַר:

דֶער מַאֲמָר אִיז גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע גִילוּי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִי"עַ אוֹיפְן פָּסוּק "**בַּהֲוָיָ"ה אֲהַלֵל דָּבָר, בֵּאלֹהִים אֲהַלֵל דָּבָר**" - אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע סָארְטְן מַצָּבִים וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְן, סַיי אִין חֶסֶד אוּן סַיי אִין גְבוּרָה, אוּן דֶעמָאלְטְס דַוְקָא קוּמְט עֶר צוּ זַיין שְׁלֵימוּת הַדַעַת, אוּן אִיז זִיךְ מְדַבֵּק זַיין אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אַשְׁרֵי לוֹ וְאַשְׁרֵי חֶלְקוֹ.

אוּן לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה: "תָּמִים תִּהְיֶה עִם הֲוָיָ"ה אֱלֹהֶיךָ". אַז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִיהְם אִיז פַאר זַיין טוֹבָה - דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִדָה פוּן תְּמִימוּת.

breslevcity.co.il

# לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים
# שְׁנַת ה'תש"ס

## מַאֲמַר

## תָּמִים תִּהְיֶה עִם הֲוָיָ"ה אֱלֹהֶיךָ

**פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעשְׁמוּעֶסְט גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע רֵייד אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן** (חֵלֶק א' סִימָן ד') **וָואס רֶעדְט וֶועגְן דִי דַעַת שְׁלֵימָה, וָואס זִי אִיז דֶעם אַחְדוּת צְוִוישְׁן חֶסֶד אוּן גְבוּרָה; עַיֵּין שָׁם.**

ψ ψ ψ

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה – דָאס אִיז שְׁלֵימוּת הַדַּעַת**

אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן – זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז"ל (מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אִיבֶּערְגֶעחַזֶר'ט אוֹיף אֵיין נְקֻדָּה פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרָה) **וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעהְנִישְׁן זֶענֶען פַּאר זַיין טוֹבָה – דֶער בְּחִינָה אִיז מֵעֵין** (אַזוֹי וִוי) **עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (תְּהִלִּים נו): **"בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר". אוּן דִי בְּחִינָה אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי**

breslevcity.co.il

ווִי חֲזַ"ל הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (פְּסָחִים נ:) "בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד" וְכוּ' – פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא אַ קַשְׁיָא, צוּ דֶען יֶעצְט אִיז נִישְׁט אֵיינְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: יֶעצְט לוֹיבְּט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אוֹיף דִי גוּטְס, אוּן אוֹיפְן שְׁלֶעכְטְס זָאגְט מֶען: דַּיַּן הָאֱמֶת. אָבֶּער לֶעָתִיד לָבוֹא – וֶועט מֶען נָאר זָאגְן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, ווַייל דֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא ווָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חֶסֶד, אוּן דֶעם שֵׁם אֱלֹקִים ווָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף גְבוּרָה – וֶועט זַיין אֵיינְס.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט דָאס, הֵייסְט אַז עֶר הָאט אַ גַאנְצֶע יְדִיעָה. ווַייל דֶער עִקָּר דַּעַת אִיז אַ אַחְדוּת פוּן חֶסֶד מִיט גְבוּרָה; זֶעה דָאס אַלֶעס אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

**אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן בַּאשֶׁעפֶער גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס**

אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז דִי עִיקָּר תַּכְלִית אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין דֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלֶעס ווָאס פַּאסִירְט מִיט אִיהְם. אוּן סַיי וֶוען סְ'אִיז אִיהְם גוּט, אוּן סַיי וֶוען סְ'וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִיהְם זַאכְן ווָאס קוּקְן אִיהְם אוֹיס פַּארְקֶערְט פוּן גוּטְס, זָאל עֶר אַנֶערְקֶענֶען, אַז אַלֶעס אִיז פוּן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וַוייל סְ'אִיז גָאר נִישְׁט פַארְהַאנֶען אוֹיסֶער דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן אִיהְם גֵייט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט אַרוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֵיכָה ג') **מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת וְגוֹ'.**

נָאר אַמָאל אִיז דָא זַאכְן וָואס קוּקְן אוֹיס שְׁלֶעכְט אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ אַ דַעַת שָׁלֵם, צוּ דֶערְקֶענֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ דָארְט מִתְלַבֵּשׁ. אָבֶּער תֵּיכֶּף וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ דַעַת שָׁלֵם, אוּן עֶר וֵוייסְט גַאנְץ גוּט אַז סְ'אִיז גָאר קַיין מְצִיאוּת נִישְׁט פַארְהַאנֶען אוֹיסֶער אִיהְם יִתְבָּרַךְ כְּלָל, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט עֶר, אַז סְ'אִיז גָאר קַיין שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט פַארְהַאנֶען חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעם הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אַזוֹי וְוי סְ'וֶועט זַיין לְעָתִיד לָבֹא, וָואס אוֹיף אַלֶעם וֶועט מֶען זָאגְן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

**דִי מִדַּת הַדִּין אִיז נָאר צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער**

וַוייל הַיינְט אַז מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת אוּן אִין קַטְנוּת הַדַּעַת, קֶען גָאר זַיין אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט מַשִּׂיג דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטְס וָואס שְׁטֶעקְט אִין וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט אוּנְז, אָבֶּער לְעָתִיד לָבֹא אַז

ס'וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן פַאר יֶעדֶעם אָפֶּעֶנְערְהַייט, אַז ס'אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה יא) **וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים** – דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אוֹיף אַלֶעם זָאגְן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, וַוייל תֵּכֶף וֶועט מֶען אַנֶערְקֶענֶען אַז אַלֶעם אִיז צוּ אַ גוּטֶע תַּכְלִית פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען וֶועט תָּמִיד לוֹיבְּן זַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען, סַיי אוֹיף מִדַּת הַחֶסֶד, אוּן סַיי אוֹיף מִדַּת הַדִּין, בְּחִינַת (תְּהִלִּים נו, יא) **בַּהֲוָיָ"ה אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר**, וַוייל מְ'וֶועט זַיין אִיבֶּערְצַייגְט אַז דִי תַּכְלִית פוּן מִדַּת הַדִּין אִיז נָאר דֶעם מֶענְטְשׁ דֶערְנֶעעְנְטֶערְן אוּן אָנְקְלֶעבְּן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיב אַזוֹי, אִיז גָאר קַיין שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

##### לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט

אוּן דִי הַשָּׂגָה – אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, וַוייל דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה דֶערְגְרֵייכְן אַבִּיסְל פוּן אִיר אוֹיף דֶעם וֶועלְט – לֶעבְּט עֶר אַזוֹי וִוי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. וַוייל אַ וַדַּאי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט וֶועלְן אַלֶע דֶערְקֶענֶען דָאס גֶעוָואלְדִיגֶע גוּטְס אוּן חֶסֶד פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן פְּרַט. אִיז הַיינְט אוֹיךְ, וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּלֵייגְן דֶעם דַעַת אִין הַארְצְן אַרַיין – וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצֶער

breslevcity.co.il

אָדָם מִיט אַ גַאנְצֶע דַעַת, אוּן עֶר זֶעהט זַיין וֶועלְט אִין זַיין לֶעבְּן (עוֹלָמְךָ תִּרְאֶה בְּחַיֶּיךָ), וואוֹיל אִיז אִיהְם אוּן וואוֹיל אִיז זַיין טֵייל.

**אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה**

אוּן מוֹהֲרְנַ״ת שְׁלִיטָ״א הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז סְ׳אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין שְׁטָאט אוּמַאן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער בַּעַל צְדָקָה, עֶר הָאט צוּטֵיילְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעלְט פַאר אָרִימֶע לַייט אוֹיף רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס. אוּן אִיז גֶעוֶוען מְפוּרְסָם לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת צְווִישְׁן אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט וֶועגְן זַיין גְרוֹיסֶע צְדָקָה.

וַיְהִי הַיּוֹם, סְ׳אִיז גֶעקוּמֶען שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אוּן דִי גַּלְגַּל הַחוֹזֵר בְּעוֹלָם אִיז אוֹיף אִיהְם אִיבֶּערְגֶעקֶערְט גֶעוָוארְן, אוּן הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת זַיינֶע, אוּן אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, אוּן הָאט שׁוֹין גָאר נִישְׁט גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן פַאר אָרִימֶע לַייט, אוּן וֶוען מְ׳אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן, הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן אִיהְם נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, וַוייל נֶעכְטְן הָאט עֶר נָאךְ גֶעגֶעבְּן מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט, אוּן וִוי אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג

הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט? אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁעלְטְן אוּן פַאַרְשֶׁעמֶען אַז עֶר אִיז אַ קַארְגֶער גֶעוָוארְן, אוּן עֶר וִויל שׁוֹין מֶער נִישְׁט טֵיילְן צְדָקָה. אוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת הָאבְּן אִיהְם זֵייעֶר בַּארִירְט, בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ שְׁוֶוערֶע מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁטוּבּ.

אַמָאל אִיז צוּ אִיהְם אַרַיין גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, אַ תְּמִימוּת׳דִיגֶער יוּד, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶערֶעדְט: פוּן הִימְל הָאט מֶען דִיר גֶעפְּרוּבְט מִיט אַ נִסָיוֹן פוּן עֲשִׁירוּת, אוּן דוּ הָאסְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְהַאלְטְן דֶערְבַּיי, וַוייל דוּ הָאסְט צוּטֵיילְט צְדָקָה אָן קַיין שִׁיעוּר. וְויסְן זָאלְסְטוּ, אַז יֶעצְט פְּרוּבְט מֶען דִיר מִיט דֶעם נִסָיוֹן פוּן עֲנִיוּת, זֶעהְן צוּ דוּ קֶענְסְט דִיךְ דֶערְהַאלְטְן. אִיז אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן בַּיי דֶעם נִסָיוֹן אוֹיךְ?!

דִי דִיבּוּרִים הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע תְּמִימוּת, דָאס הָאט דֶעם בַּעַל צְדָקָה זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶועזְן, עֶר הָאט גֶעקְרִיגְן צוּרִיק זַיינֶע מוֹחִין, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, סְ׳הָאט אִיהְם גָארְנִישְׁט מֶער גֶעאַרְט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִיהְם מְבַזֶה, צוּם סוֹף אִיז עֶר צוּרִיק אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר גֶעוָוארְן.

breslevcity.co.il

**דֶער עִיקָר – אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן**

זֶעהט מֶען, ווי אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע סָארְט פַּאסִירוּנְגֶען וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִין לֶעבְּן, סַיי אִין חֶסֶד אוּן סַיי אִין גְבוּרָה, אוּן דֶעמָאלְט דַוְיקָא קוּמְט עֶר צוּ זַיין שְׁלֵימוּת הַדַּעַת, אוּן זִיךְ מְדַבֵּק זַיין אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אַשְׁרֵי לוֹ וְאַשְׁרֵי חֶלְקוֹ.

אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט מְקַשֵּׁר גֶעוֶוען דֶעם עִנְיָן צוּ דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה מִיט אַ ווַאוּנְדֶערְלִיכֶער קֶשֶׁר, סְ'שְׁטֵייט (דְּבָרִים יח) **תָּמִים תִּהְיֶה עִם הֲוָיָ"ה אֱלֹהֶיךָ**. דַארְף מֶען דָאךְ פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס דַוְקָא בַּיי מִדַּת הַתְּמִימוּת שְׁטֵייעֶן דִי בֵּיידֶע שֵׁמוֹת – "**הֲוָיָ"ה אֱלֹהֶיךָ**"?

**סְ'אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טֶבַע, מִקְרֶה וּמַזָּל**

אָבֶער לוֹיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וַוייל דִי תַּרְגוּם אוֹיף דִי וָוארְט "**תָּמִים**" אִיז "**שְׁלִים**" – גַאנְץ. דָאס הֵייסְט גַאנְצֶע דַעַת מִיט מוֹחִין וָואס דָאס אִיז דִי אַחְדוּת צְווִישְׁן חֶסֶד מִיט גְבוּרָה, צוּ וִויסְן אַז אִין יֶעדֶער זַאךְ אִיז דָא יַד ה'. אוּן סְ'אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טֶבַע,

breslevcity.co.il

מִקְרֶה וּמַזָּל. אוּן דֶערְפַאר תָּמִים תִּהְיֶה (זָאלְסְטוּ זַיין אַ תָּמִים), וֶוען? וֶוען דוּ בִּיסְט מִיטְן "הֲוָיָ"ה **אֱלֹהֶיךָ**", וֶוען סְ'אִיז גָאר קַיין חִילוּק נִישְׁט בַּיי דִיר צְווִישְׁן מִדַּת הַחֶסֶד צוּ מִדַּת הַדִּין, נָאר יֶעדֶע זַאךְ נֶעמְסְטוּ אָן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן תְּמִימוּת, אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט, **הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת, וּתְצַפֶּה לוֹ, וְלֹא תַחְקֹר אַחַר הָעֲתִידוֹת** [גֵיי מִיט אִיהְם מִיט אַ תְּמִימוּת, וַוארְט אוֹיף אִיהְם, זָאלְסְט נִישְׁט פָארְשְׁטְן נָאכְן עָתִיד, נָאר אַלֶעס וָואס וֶועט קוּמֶען אוֹיף דִיר נֶעם אָן מִיט תְּמִימוּת, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זַיין מִיט אִיהְם אוּן מִיט זַיין טֵייל].

מְ'דַארְף נִישְׁט פָארְשְׁטְן וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער – וַוייל אַלֶעס אִיז סַיי ווִי לְטוֹבָה

וַוייל דֶער עִיקָר אִיז, זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ זַיין צוּ דִי נְקוּדָה וָואס גֶעהֶערְט צוּ אִיהְם אִין יֶענֶע צַייט, אוּן ווִיסְן אַז דָאס גוּטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדֶער זַאךְ, אִיז פַארְוָואס זָאלְן מִיר פָארְשְׁטְן אוֹיף וָואס וֶועט זַיין, אַלֶעס אִיז דָאךְ פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר לְטוֹבָה! אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר מִדַּת הַתְּמִימוּת וָואס זִי אִיז דִי שְׁלֵימוּת. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶערְמַאנְט דָא דָאס גַאנְצֶע שֵׁם – "הֲוָיָ"ה **אֱלֹהֶיךָ**", וַוייל תְּמִימוּת אִיז דִי אַחְדוּת צְווִישְׁן חֶסֶד מִיט גְבוּרָה.

breslevcity.co.il

אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן רִיכְטִיג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִדָּה פוּן תְּמִימוּת, זוֹכֶה זַיין צוּ אַ דַעַת שָׁלֵם, דֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלֶע פְּרָטִים פוּנֶעם לֶעבְּן, בִּיז מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין אַלֶעמָאל אִינְגַאנְצְן נִכְלָל צוּ וֶוערְן בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָמֵן וְאָמֵן.

breslevcity.co.il